Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 30 גראשען

פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זעה זייט 14

היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 66 | Łódź, Piątek, 17 marca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י״ט אדר תרצ״ג | № 66

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

לאדזער יודישער קאמעראל-טעאטער
„אראראט“
קינסט. לייטונג מ. בראדערזאן

ווייסער זאל פון „מאנטייפעל“
43 זאכאדניא 43
אין ניי-רעמאנטירטען טעאטער.

נאר 3 טעג

היינט, פרייטאג – 2 פארשטעלונגען 7.45 און 10 אווענד
מארגען, שבת – 3 פארשט. 4 נאכמ. צו ביליגע פרייזען פון 49 גראשען אן | 7.45 און 10 אווענד
זונטאג – 2 פארשטעלונגען 7.45 און 10 אווענד

גרעסטער רעווי-שלאגער-פראגראם!

# געטראפען אין פינטל...



1-טער טייל:
1) דירה-געלד
שיינע מרים, דזשיגאן, גאלדשטיין.
2) „כ׳האב געמיינט כ׳שטארב“
מאלווינא ראפעל.
3) „פאציפיסטען“
דזשיגאן. בערגמאן.
4) „דאס אלטע פאר-פאלק“
ליזא שלאסבערג, גאלדשטיין.
5) „דאס לאבזול“
מאלווינא ראפעל.

6) „גישט-ווישישע“
ליליאנקע בירנבוים.
7) ראו לחופה
פינאל פון ערשטען טייל.
II טייל:
8) עססערעס-צוג
אנסאמבל.
9) „סאלדאטקע“
שיינע מרים.
10) פסל טריה—דאס רביל׳ע
ליזא שלאסבערג, בירנבוים.

11) „דאס יודישע היטעל“
מאלווינא ראפעל.
12) 12 ביינאכט
שיינע מרים, בירנבוים.
13) כל-בו-באים
14) כ׳בין א לאקאטאר
(מאנאלאג) דזשיגאן.
15) פינאל אנסאמבל.

מוזיק-לייטונג:
דוד בייגעלמאן.

15 סאמע פערל
15 בעסטע שלאגער-נומערן פון „אראראט“

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער.

מאגענליידנדע
ראבארבער-וויין
אין פרימא-קוואליטעט
צו ביליגע פרייזען
צו בעקומען אין ווייגהאנדלונג פון
E. SZYRIER
Północna 1, tel. 107-84.

אזוי ווי איך האב מיך דערוואוסט, אז אויף דער פארשטאדט פון לאדז פראקטיצירען פערזאנען, וואס גיבען זיך אן אויף מיין נאמען, ווארען איך, אז מיין ערצטליך-דענטיסטישער קאבינעט און טעכניש-דענטיסטישער לאבאראטאריום געפינט זיך נור אויף זאלודניאווא 2.
Lekarz dentysta
Jakób Karmazyn
Południowa 2.

געלד איז פראצענט



זענען שיך פון דעם איבעראל גוט-בעקאנטען און רענאמירטען שיך-מאגאזין
Ch. M. Radzanower
3 נאוואמיעסקא 3
טעל. 18-183
וועלכער בעזיצט צום איצטיגען פריהלינג און זומער-סעזאן דעם גרעסטען אויסוואהל פון די עלעגאנטסטע מארעלען
דאמען-הערען-קינדער-שיך
צו די צוגענגליכסטע פאר אלע שיכטען פרייזען.
רעעלע און סאלידע בעהאנדלונג!
איך עמפפעהל מיך דער ג׳ קונדשאפט
ח. מ. ראדזאנאווער
3 נאוואמיעסקא 3, טעל. 18-183.






די הייליגע טראדיציע
און די עגזיסטירענדע פארשריפטען בעצוואונגען יעדען גלויביגען יוד צו זיין פארזיכטיג ביים אויסוואהל פון כשר פעסס. העלכעס רינס ביים צוגרייטען יום-טובדיגע מאכלים. אהן שום צווייפעל קאן מען צו דעם צוועק בענוצען מארגארין „מנורה“.
„מנורה“ איז פארווע. – אויסגעארבייט שטרענג כשר.
פארווע מארגארין „מנורה“ ווערט אויסגעארבייט פון די בעסטע בוימאיילען און פלאנצען-פעטס דורך דער אקצ.-געז. „אמברא“.
אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון הרב סאגאלאוויטש, ווערט נבשר און אנערקענט דורכ׳ן ווארשעווער רבנות



אויבען רעכטס: אַ בילד פון די גרויסע פייערליכ־קייטען אין וואַשינגטאָן ביים איבערנעהמען די מאַכט דורך פרעזידענט רוזוועלט.



איבערמיט רעכטס: דער בארימטער איטאַליענישער דיכטער גאַבריעלע ד׳אַנונציאָ איז אַלט געוואָרען 70 יאָהר.



אונטען רעכטס : גראַנדיעזע מאַניפעסטאַציעס פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען אין האַמבורג.



צו די אונרוהען אין אַטען. אויבען — מ׳צעטרייבט דעם המון מיטן וואַסער־שטראָמען. אונטען: פאָליצי גרייפט אָן דעם המון.





די מאָנאַרכיסטישע פאָהן שוואַרץ־ווייס־רויט — אומעטום אין דייטשלאַנד. אויפ׳ן בראַנדענבורגער טויער אין בערלין. | אויפ׳ן דרעזדנער ראַטהויז.





אויבען לינקס: די קראָל־אָפּערע אין בערלין, וואו עס וועלען פאָרקומען די זיצונגען פון רייכסטאַג.



אין אַמעריקע ווערט געבויט אַ שיף, וואָס וועט דינען אַלס באַזע פאַר אעראָפּלאַנען.



אונטען: פאָליצײ־קאָמיסאַר פאַן װאַקסען פאָן קילינגער.



צו די געעשהעענישען אין גריכענלאַנד. דער פיה־רער פון דער זיגרײשער מאָנאַרכיסטישער פאַרטײ טסאַלדאַריס.

אונטען: די ערשטע דיפלאָמאַטקע פון שפּאַניען פרוי מאַרגאַריטאַ סאַלאַווריאַ.



# אינגעוועהנליכע ידיעות

„איהר פרעגט מיך וועגן „די מענשען אין האטעל?״ ס'איז פונקט אזוי, ווי איהר וואלט מיך געפרעגט וועגן דעם ווערט פון די ווערק פון MANN, FRANCE אדער SINCLAIR דאס איז דער העכסטער אויסדרוק פון ארטיזם אין יעדער הינזיכט. און דאס איז דאכט זיך פאר אייך גענוג.
**Bernard Shaw.**

## פון די געהיימנישען פון האליוואוד

# ווי אזוי GRETA GARBO

## האט ריוואליזירט מיט איהרע פארטנערן:

## John i Lionel Barrymore, Joan Grawford, Wallace Beery i Lewis Stone

## אין מייסטערווערק פון די 6 שטערנס אין „מענשען אין האטעל״

האליוואוד האט בעשלאסען אפצושאפען דעם ביזאיצטיגען „סטאר״־סיסטעם אין פילם בילדער, דאס ערשטע מאל אין דער נייער שטרעבונג פערנעהמט „מעטרא גאלדווין מייער״, דער לייטער פון „מעטרא״, דער בעקאנטער אירווינג טהאלבערג איז שוין זייט א יאהר אין דער מיינונג, אז די צייטען ווען אין א פילם האט געהאט די גרעסטע בעדייטונג דער „שטערן״ — זענען שוין אוועק און וועלען שוין נישט צוריקקומען.

דער אויסדרוק פון דער דאזיגער מיינונג האט געזאלט זיין דער פילם „מענשען אין האטעל״ לויט דער בערימטער ערצעהלונג פון וויקי באום.

אלע ראלען פון דעם דאזיגען פילם זענען בעזעצט געווארען נישט אזוי ווי ביז איצט נאך דורך איין פילם־שטערן און די רעשט דורך דורכשניטליכע אקטיארען, נאר יעדע ראל איז בעזעצט דורך אן ערשטקלאסיגע קראפט, ס'האט זיך געהאנדעלט וועגען אפשאפען די העגעמאניע פון איין „שטערן״ און ארויסרוקען אויפ'ן ערשטען פלאן נישט די אינדיווידואליטעט פון די אקטיארען, נאר פון פילם אליין

די הויפט־ראלען האבען געזאלט אזוי איינגעטיילט ווערען, אז קיינער זאל נישט בעקומען קיין גרעסערע אדער קלענערע ראלען, נאר אונטער דעם בעדינג האבען די גרויסע אקטיארען מסכים געווען אנטיילצונעהמען אין דעם פילם, נאך לאנגע דיסקוסיעס איז געלונגען צו איבערצייגען אויך גרעטא גארבא, וועלכע האט צוערשט נישט געוואלט הערען, אז זי זאל נישט שפילען די איינציגע הויפט־ראל

ס'איז אבער אזוי געשעהען, אז פון דעם גרויסען פילם שיינט דאך ארויס דער הויכער טאלענט פון גרעטא גארבא, הגם זי האט בעקומען נישט קיין גרעסערע און נישט קיין קלענערע ראל ווי אנדער

איצט איז קלאר ווי די זון, אז גרעטא גארבא איז א חוץ אלעם די גרעסטע ארטיסטען אין די „מענשען פון האטעל״ און איהרע קאלעגען זענען מיטשפילענדע בעריהמטהייטען. אזוי איז געשעהען, אז דער נישט־סטאר־ען־סיסטעם האט דאך ארויסגערוקט גרעטא גארבא אלס די גרעסטע ארטיסטין




# „מענשען אין האטעל״

## אין ליכט פון דער ווארשעווער פרעסע

### „קוריער פאראנני״

לויט אונזער מיינונג איז די בעסטע קרעאציע פון אלע ראלען וואס גרעטא גארבא האט ביז איצט געשפילט, די אמבעסטען אדורכגעטראכטע. מיר זעהען נישט די פאפולערע טענצערין, וועלכע מיר האבען אזוי פיל מאל געזעהען אויפ'ן עקראן, וואס טאנצט א האלב נאקעטע אין טיול, וואס שפרינגט אונטער ווי א „יאריא״, בעזונדערס פון דעם אונערטרעגליכען טיפ פון א רוסישער טענצערין

דא זעהען מיר א והאונדע״ שעהנע פרוי מיט צוטרייסעלטע נערווען, וועלכע געפינט זיך די גאנצע צייט אין אן אנגעוועהטאגטער אנשטרענגונג, אין אן עקסטאז, צוטרעשט ליידען און דאן פריידען: באמת אן עקזאטישער פויגעל, וועלכען מ'האט געכאפט ביי די פליגעל און ער האט שוין נישט קיין שום האפנונג אין לעבען

אבער פלוצלונג גיט מען דעם פויגעל א פיצעל צוקער, דער פויגעל ווערט היפנאטיזירט — די געשטארבענע פליגעל עפענען זיך ווי געזלען און הויבען אן צו גלאנצען אין דער זון. דאס רעדען פון גרעטא גארבא אויפ'ן טעלעפאן מיט'ן נישט אנוועזענדען באראן איז א קרעאציע

גרעטא טאנצט נישט אויפ'ן עקראן, אבער יעדע איהר בעוועגונג איז א בעווייז דאס זי איז א גרויסע טענצערין

### „נאש פשעגלאנד״

די טעמא „מענשען אין האטעל״ איז פרעפארירט געווארען אויף דרייערליי אופנים, זי האט זיך ארבעגטראגען פון די בלעטלעך פון א דערצעהלונג אויף די טעאטער ברעטער און איצט האט זי זיך בעוויזען אויפ'ע עקראן אין אן אמעריקאנער טאן־פילם. די דריטע אינסטאנץ דארף זיין די לעצטע, נאך דער פארשטעלונג פערלאזט מען דעם זאל פון א פולשטענדיגער סאטיספאקציע און בעפרידיגונג

אין די „מענשען פון האטעל״ טרעטען ארויס 6 כמעט ערשטקלאסיגע הויפט־קרעפטע און קיין שום פילם זענען נאך נישט צוזאמענגעפאלען אזויפיל בעריהמטע אקטיארען, זשאן בערימאר, וואלאס בערי, לעוויס סטאנע, זשאן גראופארד, ליאנעל באררימאר און גרעטא גראבא — דאס זענען נעמען וואס רעדען פאר זיך

### „קוריער ווארשאווסקי״

נישט אזוי שנעל וועט מען האבען אזא ארטיסטישען ביגאס, ווי ס'געבען „די מענשען אין האטעל״, אלע אויספיהרער פון די הויפט־ראלען ריוואליזירען צווישען זיך

### „וויאדאמאשטשי ליטעראצקיע״

דער פילם „מענשען אין האטעל״ איז נישט פון קיין דורכשניטליכער קלאס, דער פילם בעדייט א געוויסען עטאפ פון ענטוויקלונג אין קודם כל א גרויסער פארטשריט, דער סצענאר איז אן אויסגעצייכנעטער די אקציע־לינע אפגעטאקט, דאס שפילען פון די ארטיסטען אהן דעם מינדעסטען מאנגעל וואורף.

## צי ווייסט איהר, אז...

...זשאנא גראופארד, איינע פון די העלדינס אין „מענשען פון האטעל״ איז דאס ערשטע מאל ארויסגעטרעטען אין פילם אלס פארטנערין פון דזשעקי קאגאן.

וואלאס בערי דער דירעקטאר פרעסינג אין „מענשען פון האטעל״, איז אלט זיינענדיג 14 יאהר, ענטלאפען פון דער שול אין צירק, וואו ער איז געווארען א דרעסירער פון פערד?

...גרעטא גארבא, ווייזט דאס ערשטע מאל איהרע פיס איבער די קניען אין פילם „מענשען פון האטעל״ וואו זי שפילט די ראל פון דער טענצערין גרוזשינסקא

**דער פילם מענשען אין האטעל** ווערט דעמאנסטרירט הייבט און מסגליך אין 1־סטן קלאנג־קינא־טעאטער **„SPLENDID״** נארוטא־ווישא **20**

